שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
פרשת וירא תשפ"ו // שנה ד' // גליון ער"ז

# א ליכטיגן תמיד

אודיא

פנים מאירות

אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך **א**מונה **ש**לום **ב**טחון און **ש**מחה

## אור הבוקר

א' וירא תשפ"ב

# סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם

### מיר קענען זיך שטארקן אויף אונזערע יצר הרע'ס

**תוכן המאמר: סוד מרע ועשה טוב בקש שלום**; אנו יכולים להתגבר על כל יצר הרע שלנו; ליתן צדקה לקופת רחל אמינו ע"ה / רק רחל אמינו מבין שאר האמהות זכתה להיות מרגלי המרכבה / לעשות התעודדות להביא מידע חיובית – פאזיטיווע אינפארמאציע / להאדם יש לו היכולת להתגבר על היצר הרע שלו / להיות בשמחה מביא אבן ישועות / כיון את הכוונות של הקרבנות.

## גיבן צדקה פארן קופת רחל אמינו ע"ה

היינט (יא מרחשון) איז די יארצייט פון רחל אמנו, אזוי איז אנגענומען. רבי חיים פלאגי זצ"ל (מועד לכל חי פרק לג) שרייבט, מן הראוי, אז איבעראל וואו אידישע קינדער געפונען זיך, זאל מען מנדב זיין ביומא דהילולה, י"א למרחשון, צו די קופת פון רחל אמנו, און עס ראטעוועט פון אלע צרות, ומגיני מכל רע, עס באשיצט פון אלע שלעכטס, עס איז א סגולה בדוק ומנוסה, אסאך האבן עס געטון, און זיי האבן געזען גרויסע ישועות.

מן הסתם היינט האבן מיר שוין נישט די קופת רחל אמינו, אבער אז מען גיבט

הערת המערכת: וואס איז דאס 'קופת רחל אמנו'? לויט ווי מיר האבן נאכגעקוקט, איז די ישוב הישן אין ארץ ישראל געווען בעיקר קאנצעטרירט אין די שטעט: טבריה; צפת; ירושלים; און חברון. און אנדערש ווי ביי אונז די אשכנזים, וואס מען האט געהאט איין גרויסע קאסע אונטערן שירעם-נאמען 'קופת רבי מאיר בעל הנס', וואס פון די געלט האט מען צעטיילט פאר אלע תושבי ארץ ישראל. איז אבער ביי אחב"י הספרדים, געווען באשטימט א באזונדערע קאסע פאר יעדן שטאט. די 'קופת ר' מאיר בעל הנס' איז געגאנגען נאר פאר די יישוב אין 'טבריה'. די 'קופת רבי שמעון בר יוחאי' איז געגאנגען פאר די ישוב אין 'צפת'. די 'קופת רחל אמנו' איז געגאנגען פאר די ישוב אין 'ירושלים'. און די 'קופת האבות' איז געגאנגען פאר די ישוב אין 'חברון' [זע בייגעלייגט א בילד פון א תעודה פאר א שד"ר וועלכע איז געווען ממונה אויף די קופת רחל אמינו] - עי' בארץ חיים חיו"ד סי' רנ"ט ס"א באורך

צדקה פאר א צווייטן איד, פאר ארימעלייט, פאר צעבראכענע מענטשן,

לעילוי נשמת רחל אמנו, דאס איז 'קופת רחל אמנו' - דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אלע אידן זאלן האבן ישועות.

## רחל אמינו די איינציגסטע פון די אמהות וואס זענען פון די רגלי המרכבה

אין ספה"ק 'בני יששכר' (חודש אייר מאמר א אות ה) ברענגט ער, אז 'חודש אייר' איז נרמז בראשי תיבות א'ברהם י'צחק י'עקב און ר'חל, דאס זענען די פיר רגלי המרכבה. פארוואס איז מרומז נאר רחל צווישן די דריי אבות הקדושים, און נישט די אנדערע אמהות?

דער הייליגער 'קדושת לוי' ברענגט אין פרשת ויצא, אז די מעלה פון רחל אמנו איז געווען גרעסער ווי די אנדערע אמהות מיט דעם, ווייל זי האט געהאט מסירת נפש אויף זייער א גרויסע זאך. אויף וועלכע זאך האט זי געהאט מסירת נפש? יעקב אבינו האט געארבעט פאר לבן נאר כדי ער זאל קענען חתונה האבן מיט רחל אמנו. אין מדרש ווערט געברענגט, אויפן פסוק 'ועיני לאה רכות', לאה האט שטענדיג געוויינט, ווייל זי האט געוואוסט אז רבקה האט צוויי זון, לבן האט צוויי טעכטער, די גרויסע פאר די גרויסע, און די קליינע פאר די קליינע. ממילא וועט זי אנקומען צו עשיו, און איר שוועסטער רחל וועט אנקומען צו יעקב. און רחל איז שטענדיג געווען די פרייליכע, ווייל זי האט געוואוסט אז זי גייט אנקומען צו דער גרויסער צדיק, אונזער טאטע יעקב. צום סוף איז געגאנגען איר טאטע, לבן דער פאפער, און ער האט איר אויסגעשפילט, ער האט חתונה געמאכט יעקב אבינו צו לאה.




און דא איז רחל געשטאנען פאר א מורא'דיגע נסיון. איינס, בכלל, דאס שווייגן איז א מורא'דיגע נסיון, נישט יעדער וואלט דאס אזוי פארשוויגן. אבער סאך א גרעסערע נסיון האט זי געהאט, ווייל בעצם, ווען רחל אמנו זאל שווייגן אינגאנצן, וואלט לאה נישט געקענט חתונה האבן מיט יעקב. ווייל חז"ל זאגן, אז יעקב אבינו האט איבערגעגעבן סימנים פאר רחל, אז ער זאל איר נישט קענען פארטוישן מיט לאה.

און זי איז געגאנגען און געזאגט: ח"ו, מיין שוועסטער וועט פארשעמט ווערן? איז זי געגאנגען און זי האט איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה, זי האט מפקיר געווען איר רוחניות, איר גשמיות, איר עולם הזה און איר עולם הבא, כדי איר שוועסטער זאל נישט פארשעמט ווערן. און וועגן דעם האט זי זוכה געווען צו זיין פון די רגלי המרכבה, אברהם יצחק יעקב און רחל.

## מאכן אן התעוררות פון טראגן פאזיטיווע אינפארמאציע

היינט איז די יארצייט פון רחל אמנו. היינט איז א זמן וואס מען דארף מאכן א געוואלדיגע התעוררות פון סובל זיין אידן, פון ליב האבן אידן, פון שווייגן ווען מען ליידט פון א איד, און סובל זיין, און נישט ארום גיין פלאנטערן, פארציילן פאר דעם, יענער בארעדט דיך, יענער בארעדט מיך. מען זעט אזויפיל משפחות, ברודערס; שוואגערס; שוועסטערס; שוועגערינס; שוויגערס; מאמעס; טאטעס; שווערס - מען פלאנטערט אין לשון הרע. יענער האט געזאגט, יענער האט געמאכט, יענער האט געטון... מען דארף זיך אויסלערנען פון רחל אמנו. און דאס איז די גרעסטע זכות וואס וועט אויף אונז מגין זיין. רחל אמנו איז דאך די פלאץ וואו מען גייט אויסבעטן די גאולה שלימה, אויסצובעטן די גאולה שלימה איז די גרעסטע זכות וואס אונז קען מיר האבן, און די טענה וואס מיר קענען האבן צו רחל אמנו איז, אז אונז גיי מיר אויף אירע וועגן.

נישט פלאנטערן, נישט טראגן רכילות פון איינעם צום צווייטן, נישט ברענגן בשום אופן קיין נעגעטיווע אינפארמאציע פון איינעם צום צווייטן. נישט ברודערס; נישט שוועסטערס; נישט שוואגערס; נישט שוועגערינס; נישט קאזינס - ברענגט נאר פאזיטיווע אינפארמאציע פון איין איד אויפן צווייטן, טראגט פאזיטיוו. מען דארף קענען הערן און שווייגן, און נישט טראגן קיין לשון הרע, און נישט טראגן קיין רכילות, און נישט פלאנטערן. שווייגן און נישט פארשעמען, און נישט וויי טון, און נישט אנרייצן קיין מחלוקת. דאס איז די גרעסטע זכות וואס אונז קען מיר מקבל זיין אויף זיך ביומא דהילולא פון רחל אמנו. און דער הייליגער באשעפער וועט העלפן, זכותה תגן עלינו, און זי וועט אויך מתפלל זיין פארן הייליגן באשעפער, אז בזכות זה זאל מיר אלע זוכה זיין צו גרויסע ישועות, און צו די גרויסע ישועה פון די גאולה שלימה בעזר ה' אמן.

## א מענטש האט די יכולת זיך צו שטארקן אויף זיין יצר הרע

אין די וואכנדיגע סדרה שטייט 'והנה שלשה אנשים נצבים עליו', זאגט רש"י, וואס האט מען געדארפט דריי מלאכים? איינס איז געקומען צו איבערגעבן די בשורה פאר שרה אמנו, אז זי גייט האבן א קינד. איין מלאך איז געקומען איבערדרייען סדום. און איין מלאך איז געקומען אויסהיילן אברהם אבינו.

פרעגט דער הייליגער מהר"ל אין גור אריה: דער מלאך וואס איז געקומען איבערדרייען סדום, פארוואס האט ער געדארפט אריינקומען צו אברהם אבינו? זיין שליחות האט דאך גארנישט געהאט צוטון מיט אברהם אבינו? וואס האט אברהם אבינו מיט איבערדרייען סדום?

אין ספר 'חזון יחזקאל' פון רבי יחזקאל אברמסקי זצ"ל ברענגט ער א מורא'דיגע תירוץ.

דער מלאך האט נישט געוואלט איבערדרייען סדום, ער האט גע'טענה'ט: די מענטשן פון סדום פירן זיך נישט אויף ערליך? עס איז פארשטענדליך, זיי האבן א יצר הרע. 'מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו' האבן די מלאכים גע'טענה'ט

רבי יחזקאל אברמסקי זצ"ל האט געלערנט ביים אלטער פון נאווארדיק. ביי די 17 יאר האט ער באקומען סמיכה פונעם רב אין נאווארדיק דער בעל ערוך השלחן זצ"ל. נאך די חתונה איז ער געגאנגן לערנען ביים גר"ח פון בריסק זצ"ל. ער איז געווען א שטיק צייט דער ראש ישיבה אין ישיבת תומכי תמימים-ליובאוויטש. פאר א יאר צייט איז ער געזעצן אין די קאמיניסטישע סיבור, וואו ער האט געארבעט ביטערע שווערע ארבעט. נאך זיין באפרייאונג איז ער אנגעקומען קיין לאנדאן וואו ער האט געדינט אלס ראב"ד. און דעמאלסט האט ער געדרוקט זיין חיבור חזון יחזקאל אויפן תוספתא. שפעטער איז ער ארויף קיין ארץ ישראל וואו ער איז געווען איינע פון די ראשי ישיבות אין סלובודקא

צום הייליגן באשעפער פאר בריאת האדם, א מענטש האט א יצר הרע, וואס קען מען טון? פארוואס דארף מען איבערדרייען סדום?

האט דער הייליגער באשעפער געזאגט: קום, איך וועל דיר ווייזן אברהם אבינו, וואס ער לעבט אין דביקות הבורא ברוך הוא, וועסטו זען ווי א מענטש איז מסוגל זיך אויפצוהייבן, און זיך שטארקן אויף אלע יצר הרע'ס, וועסטו שוין פארשטיין, אז אפילו א מענטש האט א יצר הרע, קען ער אנקומען אין אזעלכע גרויסע מדריגות. און ממילא 'ויקומו **משם** האנשים', די מלאכים האבן געקוקט פון דארט, פון אברהם אבינו, 'וישקיפו על פני סדום', אזוי האבן זיי געקוקט אויף סדום, האבן זיי געזען, אז דאס איז נישט סתם א יצר הרע, זיי זענען מזידים, דווקא ווילן זיי ח"ו ווידערשפעניגן אינעם באשעפער.

אברהם אבינו, יצחק יעקב רחל אמנו, די אבות הקדשים, די אמהות, האבן אונז געוויזן - עס איז דא א יצר הרע, אבער מען קען זיך אויפהייבן, מען קען זיך דערהייבן צו א מצב, און מען קען זיין מיט א פנים מאירות, ליב האבן אידן, נישט רעדן איבריגע ווערטער, נישט רעדן גארנישט נעגעטיוו אויף קיין שום איד אויף די וועלט נישט, נישט טראגן רכילות, לשון הרע'ס, נישט פלאנטערן אין די בלאטעס פון עגמת נפש, קריגערייען, אין זאכן וואס ברענגן פירוד לבבות.

# מעשה בחסיד אחד

## זיין בשמחה ברענגט טאקע ישועות

א איד האט אונז פארציילט: ער איז געפארן פון ניו יארק אויף קאנאדא, אין די צייט וואס די רעגירונגען האבן פארלאנגט, מען זאל זיך האלטן צו די רעגולאציעס אין ליכט פון די קאראנא אונטערגאנג. און כדי נישט צו זיין קוואראנטינט (אפגעזונדערט און פארשפארט אין שטוב אויף איבער א וואך - אזוי איז געווען די געזעץ לויט יענע אומשטענדן) דארף מען מיטברענגען סחורה, וואס מען ברענגט פאר א קאמפעני צו פארקויפן, צו וויאזוי עס ארבעט.

למעשה, האט ער זיך געכאפט אינמיטן די וועג, אז ער האט מיט איין באקס מער פון וויפיל עס שטייט אויפן צעטל אז ער האט. און מען ווייסט, אז ביי די גרעניץ זענען זיי זייער שטרענג, ובפרט אז מען האט געכאפט אז אויפן צעטל שטימט נישט מיט וואס ער האט. דאס מיינט, אז טאמער זיי וועלן קוקן די צעטל וואס ער ברענגט אריין, און זיי וועלן באשליסן אז זיי ווילן איבערציילן די באקסעס, וועלן זיי טרעפן מיט איין באקס מער, און ער ווייסט נישט וואס צו טון. ער איז שוין אינמיטן וועג, און דער וואס האט אים געגעבן אלע סחורה האט געמאכט א טעות. וואס טוט מען יעצט?

ער האט אנגעצינדן די 'פנים מאירות ליניע', און ער האט געהערט דארטן מורא'דיגע שיינע זאכן וואס מען ברענגט פון צדיקים. צווישן די זאכן, וואס ער האט געהערט, איז געווען, אז

'שמחה ברענגט כל מיני ישועות'. האט ער מחליט געווען, אז ער גייט זיין בשמחה, כי טוב ה' ווייל דער אייבערשטער איז גוט... אזוי האט ער געזינגן, און געהאט אמונה פשוטה און בטחון אינעם אייבערשטן, מען גייט האבן א פנים מאירות, מען גייט עס מקבל זיין באהבה, און דער הייליגער באשעפער וועט העלפן.

ער איז אנגעקומען צו די גרעניץ, וויניגער ווי זעכציג סעקונדעס איז ער אדורך אלעס בשלום.

ער פירט אויס זיין מעשה: ער האט געהאט צוויי ישועות. איין ישועה האט ער געהאט, אז ער איז נישט געווען זעקס שעה אנגעצויגן א גאנצע וועג... ער האט געהאט א פרייליכע רואיגע וועג, משמועה רעה לא אירא נכון ליבו בטוח בה', א בע'טעמ'טע וועג געהאט, נישט אנגעצויגן. און די צווייטע ישועה האט ער געהאט, דער אייבערשטער האט געהאלפן זיי האבן נישט געקוקט קיין באקסעס, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געקענט אדורכגיין. אז א איד לעבט אין דעם, זעט ער די ישועות.

## אריכת ימים צו מאכן נאך א 'שהכל'...

דער גרויסער גאון און צדיק, רבי יוסף חיים זאננפעלד זצוק"ל, וועלכער איז געווען דער ערשטער ראב"ד אין די 'עדה החרדית' אין ירושלים. האט געהאט א שיינער מנהג. ער פלעגט ארומגיין יעדן ערב שבת קודש, צו די שטובער פון עלנדע און צעבראכענע מענטשן, און זיך אומקוקן וואס עס פעלט פאר זיי, און מיט וואס ער קען זיי העלפן. און די זעלבע צייט פלעגט ער זיי מחזק זיין, זיי אויסהערן זייערע ליידן, און ארויסווייזן מיטלייד מיט זיי, און צום לעצט זיי וואונטשן במאור פניו, מיט א פנים מאירות, א פרייליכן ליכטיגן שבת. און פארלאזט זייער שטוב.

אזוי האט ער זיך געפירט יעדן איינציגן וואך.

אין א קליינעם צעשטיפטן קעלער, אין איינע פון די שמאלע ירושלימ'ע געסעלעך, האט געוואוינט אן עלנדע צעבראכענע עלטערע פרוי, אן אלמנה, מיטן נאמען 'הינדא די אלמנה'. זי האט זוכה געווען צו א זעלטענע אריכת ימים ושנים, און ווען אונזער מעשה האט פאסירט איז זי שוין געווען אריבער די הונדערט יאר - פאר אלע אידן געוואונטשן.

אבער, ווייט פון א געשמאק לעבן איז זי דורך. איר לעבנס-געשיכטע בלעטער איז געווען דורכגעווייקט מיט אסאך טרערן, און פארשמירט מיט ביטערע יסורים און ליידן. די אדרעס פון 'הינדא די אלמנה', איז געווען פארצייכנט ביי רבי יוסף חיים זאננפעלד, אז צו איר מוז ער אראפגיין איר באזוכן יעדן ערב שבת, איר מחזק זיין און וואונטשן א גוט שבת. כאטש עטוואס צו לינדערן אירע ווייטאגן, וואוסנדיג אז דער גרויסער רב פון ירושלים, דער קדוש וטהור, האט זיך באמיעט איר צו באזוכן, האט איר געגעבן נאך א דאזע פון כח, אריבערצומאכן די וואך וואס קומט אונז צום גוטן.

די באזוך פלעגט טאקע זיין א קורצער, רבי יוסף חיים פלעגט בלויז עפענען די טיר, פרעגן וואס זי מאכט, און וואונטשן א גוט שבת, און ארויסגיין. אבער דאס איז געווען ביי איר, גאר א חשוב'ן באזוך, אויף וואס זי פלעגט ארויסקוקן יעדן ערב שבת. און פון דעם האט זי געוומען כח ווייטער דורכצומאכן די גאנצע קומענדיגע וואך.

רבי יוסף חיים איז נישט געווען איר איינציגער באזוכער אום ערב שבת. אויך

א גרופע נשים צדקניות פון ירושלים עיר הקודש, פלעגן מיט געטריישאפט אריבערקומען צום עלטערן 'הינדא די אלמנה', און אנפירן די ווירטשאפט אין איר אזויגערופענעם 'דירה', וועלכע איז באשטאנען פון א צימער און טיר. זיי האבן זיכער געמאכט אז עס זעט זיך דארט אן, אז עס קומט די חשובע גאסט 'שבת', און זיי פלעגן איר רייניגן די גוף, און רייניגן די קעלער, וואס א גאנצע וואך, איז נישט געווען געהעריג ווער עס זאל טון די אלע וויכטיגע שטוב געברויכן.

מאכט זיך א וואך, רבי יוסף חיים שפאצירט דורך די שמאלע ירושלימ'ע געסעלעך, און גייט ארויף צו די באשטימטע אדרעסן, וואו עסווארטן שוין ארויס די צעבראכענע עלנדע אידן, און ווארטן אויף די גוט שבת פונעם רב. און אויך דארט אונטערן ערד, אינעם קעלער הנקרא 'דירה', ווארט 'הינדא די אלמנה' אז דער רב זאל שוין קומען. און טאקע עס איז געקומען די רייע, און דער גרויסער רב, גייט אראפ די עטליכע טרעפ ביז צום קעלער וואו עס וואוינט 'הינדא די אלמנה'. ער קומט אן צום טיר, און גיבט א לייכטן קלאפ אויפן טיר, און עפנט אויף די טיר.

רבי יוסף חיים, פרעגט איר ווי געוועגדליך: "וואס מאכט איר? אלעס איז בסדר?" און גרייט זיך שוין צו זאגן גוט שבת און פארלאזן איר שטוב. אבער די וואך האט 'הינדא די אלמנה' באשלאסן אויסצוניצן די געלעגנהייט, און זי רופט זיך אן צום רב:

"רבי, גיבט מיר א ברכה!".

דער רב גיבט זיך א שטעל אפ. אז זי בעט א ברכה קען ער איר נישט אפזאגן. ער מאכט א שנעלן חשבון, וואס קען א אלמנה פון איבער הונדערט יאר געברויכן, און נאך אייניגע סעקונדעס, וואונטשט ער איר א הארציגן ברכה:

"דער אייבערשטער זאל העלפן, אז אייערע קינדער און אייניקלעך און איר אייניקלעך, זאלן אלע גיין בדרך התורה והמצוות!".

'הינדא די אלמנה' איז אינגאנצן איבערגענומען פון די ווארימע ברכה, זי ענטפערט מיט כוונה 'אמן'. אבער זי איז נישט אינגאנצן צופרידן. זי רופט זיך אן צום רב:

"אבער וואס וועט זיין א ברכה פאר מיר פערזענדליך?!". דער רב האט איר טאקע געוואונטשן א הערליכע ברכה, אז אירע קינדער און אייניקלעך און איר אייניקלעך זאלן זיין ערליך, אבער ער האט גארנישט דערמאנט אינעם ברכה וועגן איר פערזענדליך.

רבי יוסף חיים האט מסכים געווען. און ער וואונטשט איר אן א פערזענדליכע ברכה:

"דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, איר זאלט זיין געזונט און שטארק, איר זאלט מער נישט האבן קיין צער!".

'הינדא די אלמנה' האט געענטפערט אמן, און זיך באדאנקט אויף די שיינע ברכה. אבער זי איז נאך אלס נישט געווען צופרידן.

"וואס איז מיט א ברכה אויף אריכת ימים?!".

רבי יוסף חיים און זיינע ארומיגע האבן זיך אנגעקוקט פארוואונדערט... דא שטייט א פרוי איבער די הונדערט יאר, זי לעבט אן אפגעמוטשעטע לעבן, פול מיט

צער און יסורים נוראים, זי קען שוין גארנישט טון אליינס, אויף יעדע טריט און שריט דארף זי צוקומען מען זאל איר ארויסהעלפן, און זי בעט א ברכה אויף אריכת ימים?!...

'הינדא די אלמנה' זעט אז מען שטייט פארוואונדערט ארום איר, האט זי זיך אנגעפאנגן מסביר זיין, און זי זאגט:

"איך האב געלערנט אין איינע פון די ספרים, אז עס שטייט אין חז"ל, אז עס זענען פארהאנען מלאכים, וועלכע ווערן באשאפן, און אין זייער גאנצער לעבן קענען זיי נאר איינמאל זאגן קדוש קדוש קדוש, איינמאל אין זייער לעבן קענען זיי זאגן א שבח והודאה פארן באשעפער. הייליגער רב, אינמיטן די וואך, בין איך מערסטנס טייל נישט אין א מצב פון נקיות, און איך קען נישט מאכן קיין ברכות, איך קען נישט אלעמאל דאווענען. אבער ווען עס קומט ערב שבת קודש, און עס קומען דא אן די גוט-הארציגע ירושלימ'ע פרויען, און מען רייניגט אויס די שטוב, און זיי רייניגן מיין גוף, לכבוד שבת. און דעמאלסט קען איך נעמען א גלעזל וואסער און מאכן א שהכל נהיה בדברו מיט א נקיות, און דערנאך קען איך דאווענען א תפילה. פאר דעם אליין בעט איך א ברכה אויף אריכת ימים, איך וויל נאך זוכה זיין צו נאך ערב שבתים, צו קענען מאכן א ברכת שהכל נהיה בדברו פארן באשעפער!".

רבי יוסף חיים איז זייער שטארק נתרגש געווארן, פון אן השגה פון א צעבראכענע פרוי, און איר אנגעוואונטשן איר פערזענדליכע ברכה: "דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל נתמלא ווערן כל משאלות לבך לטובה!".

## ראה מעשה ונזכר...

א פרוי, הונדערט יאר אלט, אזוי אפגעמוטשעט, האט געדאנקט דעם אייבערשטן, און געבעטן אריכת ימים, נאר צו זאגן איינמאל בנקיות, שהכל נהיה בדברו!!! מיר האבן א זכות, אונז זאג מיר 'מודה אני' 'ברכות', און א גאנצן טאג קען מען זאגן ברכות. וויפיל כוחות דארף מען ארייגלייגן, צו מאכן א מחשבה, איין רגע פאר מען מאכט די ברכה, און געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטן, עס איז מיר א זכות צו מאכן די ברכה, מיר זענען געזונט, מיר זענען בנקיות, מיר זענען ביכולת צו מאכן די ברכה.

מאך די ברכה הויעך, שטייט און קלאר, מיט א שמחה יתירה, א געוואלדיגע אהבת השם. איך האב א זכיה צו מאכן א ברכה! און יעדער מענטש דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב א זכיה איך קען דאווענען, איך קען לערנען, איך קען טון נאך א מצוה, איך קען טון נאך א מצוה.

אויף יעדע זאך דארף זיך א איד אויסלערנען צו דאנקען דעם אייבערשטן. האסט געדאווענט? זאג מזמור לתודה אז דו האסט געדאווענט. האסט געמאכט א ברכה? האסט געבענטשט? זאג א מזמור לתודה אויף דעם ארויף וואס דו האסט געמאכט א ברכה, האסט געגעסן, האסט געבענטשט. דאנקן און לויבן דעם הייליגן באשעפער אויף יעדע זאך וואס עס גייט אין אונזער לעבן. און מען קען עס טון, און מען טוט עס, ברוחניות ובגשמיות, דאנקן און לויבן דעם הייליגן באשעפער.

# איינזיין געהאט די כוונות פון קרבנות

דער הייליגער רבי משה לייב סאסובער איז אמאל געווען אין יערוסלאב. ער איז געגאנגען אין מארק צווישן די בעלי עגלות, און ער האט דורכגעקוקט די שטרוי פון זייערע אוצרות.

רבי שמעון יערוסלאבער איז דורכגעגאנגען, זאגט ער: "רבי, וואס זוכט איר דא צווישן די בעלי עגלות?!".

האט אים דער הייליגער רבי משה לייב געזאגט: "לאז אפ מיין רבי, לאז אפ דיין רבי... קום מיט מיר, לאמיר נעמען א בינטל שטרוי, און טראגן צו די אלמנה, זי האט נישט קיין שטרוי זיך אראפצולייגן, זיך מיט די קינדער. טראכט נישט יעצט פון 'רבי', לאמיר טראכטן פון א צווייטן איד!". און דיביידע צדיקים זענען געגאנגן און געשלעפט אויף זייערע פלייצעס פעקליך פון שטרוי.

די גאנצע עולם זעט, און מען רוקט זיך אויף די זייט. מענטשן האבן נישט פארשטאנען וואס דא טוט זיך...

האט דער הייליגער רבי משה לייב געזאגט: ווען די בית המקדש איז געשטאנען, האט מען געטראגן קרבנות, נסכים. אונז טראג מיר יעצט שטרוי, און אונז האבן איינזיין אלע כוונות וואס מען האט איינזין, ווען מען ברענגט א קרבן מנחה פארן הייליגן באשעפער.

דאס איז די יסוד היסודות פון אנהייבן א וואך: פנים מאירות פאר אלע אידן, און פארן הייליגן באשעפער. אמונה שלום בטחון און שמחה, זיך קאכן אין לערנען, אין דאווענען, זיך קאכן אין ישועות, זיך קאכן אין די ליבשאפט צום אייבערשטן, ליבשאפט צו אלע אידן, ליבשאפט צו די תורה מסורה ומנהגי ישראל. נישט קאכן זיך אין נעגעטיוו, אין פחדים, אין לחץ, אין אנגעצויגנקייט. נאר פריילך, נאר בשמחה. איך בין פריילך און איך מאך יעדעם בשמחה, מאכן איבעראל לעכטיג און פריילך. דער הייליגער באשעפר זאל העלפן אונז זאלן אלע האבן א לעכטיגע וואך, און דער הייליגער באשעפער זאל אונז שיקן כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

**קול פנים מאירות**
שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691 | **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:** 438-228-2500

# הרהורים בשעת תורה ותפילה

**שאלה: עס איז ידוע אין די ספרים הקדושים פון חז"ל, אז כדי מבטל צו זיין מחשבות זרות און הרהורים רעים, לייגט מען זיך אריין אין תורה און תפילה, און מען איז מבטל אלע שלעכטע מחשבות. עס איז דאך פונקט פארקערט - ווען איך זעץ זיך צו לערנען אדער שטעל זיך צו דאווענען, אדרבה, דעמאלט קומען אריין די מערסטע מחשבות, און זיי שטערן דאס לערנען און דאווענען.**

תשובה: אין הכי נמי, אין די ספרים הקדושים שטייט אז יעדע מחשבה זרה און יעדע הרהור רע וואס א מענטש האט געהאט, דארף ער עס בעצם מתקן זיין. ער דארף עס מעלה זיין, ארויסנעמען פון די שלעכטס און אריינברענגען אין די גוטס. מען דארף עס ארויסנעמען פון נישט קדושה און אריינברענגען אין יא קדושה. און ממילא, ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען אדער ער זעצט זיך לערנען, קומען אטאמאטיש די אלע הרהורים און די אלע מחשבות. אבער זיי קומען אים נישט דווקא שטערן; זיי קומען כדי ער זאל זיי מתקן זיין. און מיט דעם וואס ער איז זיך מתגבר און ער דאווענט ווייטער און ער לערנט ווייטער און ער איז מסיח דעת דערפון, מיט דעם מאכט ער א תיקון. און די מחשבות און הרהורים וועלן שוין מער נישט צו אים צוריקקומען, איינמאל זיי האבן געהאט א גאנצן תיקון.

פון די אנדערע זייט, ווען א מענטש האט הרהורים און מחשבות, די וועג פטור צו ווערן דערפון איז תורה און תפילה. זיך אריינצולייגן אין תורה און תפילה, אזוי וועט ער מער נישט האבן קיין מחשבות זרות, זיי וועלן אוועקגיין. די

מחשבות וואס קומען אינמיטן לערנען און דאווענען, דאס זענען אלטע הרהורים, אלטע מחשבות וואס דארפן א תיקון. אז ער איז זיך מתגבר און ער לערנט ווייטער, סיי די מחשבות זרות און הרהורים גייען אוועק און ער ווערט פטור דערפון, און סיי ער מאכט תיקונים אויף אלטע מחשבות וואס זענען נעבעך אריינגעפאלן אין אים. ער דארף עס מתקן זיין און מבטל זיין און מעלה זיין צו קדושה וטהרה, אז עס זאל שוין מער נישט זיין די הרהורים רעים און די מחשבות זרות בעולם.

עס איז טאקע צוויי שווערע נסיונות און גרויסע נסיונות. איין זאך אבער וואס יעדער איד דארף צו וויסן: מחשבות זרות און הרהורים רעים איז א נסיון אויפצוהייבן א מענטש. עס איז נישט חלילה א נסיון אז א מענטש זאל פאלן, און אז א מענטש זאל ווערן צעבראכן און דערנידריגט. א מענטש ווערט נישט צעקלאפט ווען מען האט מחשבות און הרהורים רעים. מען איז מסיח דעת, מען לערנט תורה, מען דאווענט, מען זאגט "אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה", "סעפים שנאתי ותורתך אהבתי". מען טוט די פאר סגולות, אבער מען פלאנטערט זיך נישט דערין. מען זיצט נישט, מען טוט זיך נישט האלטן און איין שלאגן ארויף און אראפ, ווייל דעמאלט חלילה די מחשבות זענען מתגבר. מען ליגט אין תורה און תפילה, מוסר וחסידות. מען איז מסיח דעת אפילו אויף אנדערע וועלטליכע זאכן ביז די הרהורים גייען אוועק. אבער אין מציאות דארף מען דאס מתקן זיין, און בשעת א מענטש לערנט תורה, ער דאווענט, טוט מצוות און מעשים טובים, קומען די הרהורים און מחשבות און בעטן זיך א תיקון. און די תיקון איז התגברות - מען איז זיך מתגבר, מען פלאנטערט זיך נישט אריין דערין, מען האלט זיך ווייטער אן מיט די תורה און תפילה. מען פאלט נישט אוועק, מען איז זיך נישט מייאש, מען גיבט נישט נאך די מחשבות, מען שטארקט זיך. מיט דעם האט מען א תיקון, און מיט דעם איז מען מתקן אלע הרהורים און מחשבות וואס מען האט געהאט בעזר ה' ובס"ד.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

קונטרס

# מאור הפרשה

באידיש

פרשת וירא תשפ"ו

מאמר: המתנה טובה של מניעות

מאמרי

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יצא לאור

על ידי מערכת פנים מאירות סיקסא

מרחשון תשפ"ו

# מערכת פנים מאירות

מכון להוצאות שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

## יכולין לשמוע השיעורים:

## בקול פנים מאירות

ארה"ב: -845-414-8211

845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823

**ענגלאנד:** 0330-350-3190

**ארגענטינע:** 5411-2152-7691

**אנטווערפן:**323-346-0673

## לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:

gilyonospm@gmail.com

גם יכולין לשמוע השיעורים על: קול הלשון/פנים מאירות

# מאמר: המתנה טובה של מניעות

## די נאטורן זענען געמאכט געווארן עס צו טוישן לעבודת ה'

נאמרה בסעודת רעוה דרעוין פרשת וירא תשפ"ד

## די דרך הצדיקים צו טון קעגן די טבע

אין די וואכעדיגע סדרה פרשת וירא ברענגט דער הייליגער כתב סופר באמצע דיבורו. הייבט ער אן א שטיקל, זאגט ער אזוי: "עוד נראה לי על דרך צחות". חז"ל זאגן דאך אז "אשה עיניה צרה בארחה" - א פרוי איז מער אויפן זייט פון צמצום. דא זעט מען דאך אז שרה אמנו לא היה עיניה צרה. עס איז דאך די טבע פון נשים, און דא זעט מען אז שרה האט געגעבן מיט אזא ברייטקייט. זאגט דער כתב סופר, פשט פון דעם איז ווייל שרה אמנו האט זיך געשטארקט קעגן איר טבע, כטבע הצדיקים שמשנים טבעה. די מלאכים האבן געפרעגט פון אברהם אבינו "איה שרה אשתך" - עס מוז זיין אז דיין ווייב איז נישט אין שטוב, ווען יא וואלסטו נישט געקענט געבן אזוי ברייט צו עסן. האט אברהם אבינו געענטפערט: "ניין, שרה אמנו הנה באוהל" - זי איז יא דא, זי איז א מכניס אורחים קעגן די טבע. האבן די מלאכים געענטפערט: אזוי, זי גייט קעגן איר טבע? קומט דאך אויס אז איר טבע איז דאך אז זי זאל נישט האבן קיין קינדער. מדה כנגד מדה וועט מען גיין קעגן די טבע, און דער באשעפער וועט העלפן אז עס וועט געבוירן ווערן א קינד.

עס איז א געוואלדיגע יסוד פאר יעדן מענטש אנצוגיין אין עבודת השם, אין זיין עבודת הקודש פון די ארבעט דא אין די עולם הזה. יעדע זאך וואס מיר טוען כנגד הטבע, און אונזער עבודה איז צו גיין טון כנגד הטבע, קומט דער רבוש"ע אונז אנטקעגן מדה כנגד המדה קעגן א טבע.

## מען האט נאטורן צו הארעוועו אויף דעם

שרה אמנו האט דאך געקענט זאגן. חז"ל זאגן בפירוש אז דאס איז די טבע פון די נשים. חז"ל האבן נישט געזאגט אז נשים קענען נישט הארעווען קעגן די טבע. דאס טייטש, ווען מען זאגט אז דאס איז די טבע הנשים, מיינט דאס אז אויף דעם דארפן זיי הארעווען. ווען א מענטש זעט אז דער רבוש"ע האט דיר געגעבן געוויסע טבעים, גיב עס נישט נאך. דאס איז א סימן אז דארט דארפסטו הארעווען און זיך מחזק זיין און מאכן 'אתכפיא'. און מדה כנגד מדה, דארטן ליגן דיינע ישועות און גדלות און מדריגות. אלעס ליגט דארט.

## יעדע נסיון איז א פערזענדליכע 'נסיון העקדה'

דער של"ה הקדוש ברענגט אין די וואכעדיגע סדרה ממש די ווערטער: פון די עקידה דארף זיך א מענטש ארויסלערנען א מוסר אז ער זאל זיך מוסר נפש זיין אויף קדושת השי"ת. יעצט שרייבט דער של"ה די ווערטער: מכל שכן ער זאל מוסר זיין אן אבר פון די אברים אדער צעברעכן א געוויסע תאווה, למשל אויפשטיין פארטאגס צו לערנען און דאווענען, אדער ווען עס וויל זיך רעדן בטלה - יבטל רצונו. גיי קעגן דעם, זיי מבטל דעם רצון מפני רצון המקום.

לייגט אבער צו דער של"ה הקדוש, א מענטש דארף זיך ארייטראכטן ווען עס קומט צו אים אן עבירה און ער דארף זיך איינהאלטן, אדער ווען עס קומט א מצוה און ער דארף זיך מתגבר זיין עס צו טון. זאל ער ארייטראכטן, "אפשר דאס וואס איך האב יעצט די נסיון פון די עבירה, אדער דאס וואס איך האב די נסיון פון די מצוה, איז דאס א נסיון פון באשעפער און ער שטייט און קוקט. לאמיר זען וואס מיין קינד גייט יעצט טון, וועט ער חלילה עובר זיין אדער וועט ער מקיים זיין די תורה?" אזוי ווי דער אייבערשטער האט געפרואווט אברהם אבינו. אוודאי ווען א מענטש זאל וויסן קלאר אז דער באשעפער פרואווט אים יעצט אויס, וואלט ער אוודאי נזהר געווען. זאלסט שטענדיג טראכטן ביי יעדע זאך אז "כן הוא מדתו של הקב"ה", ער שיקט פאר א מענטש א געוויסע ענין אים אויסצופרואוון.

לייגט צו דער של"ה הקדוש די ווערטער "אשרי אדם שה' אלקיו תמיד במחשבתו."

קומט אויס אזוי: איינס, א מענטש האט טבעים און אונזער ארבעט איז קעגנצוגיין די טבעים כדי צו טון דעם רצון ה', צו טון דעם רצון הבורא ית"ש. צוויי, אז א מענטש זאל שטענדיג טראכטן אז יעצט ממש, מיט די פעולה וואס איך דארף יעצט דא טון, שטייט כביכול דער הייליגער באשעפער און ער זאגט: "מיין קינד, איך גיי דיר יעצט אויספרובירן. לאמיר זען וואס דו גייסט מיר באווייזן." און אונז דארפן זיין מוכן ומזומן אויף מסירת נפש. "יא טאטע, מיר זענען דא מיט מסירת נפש, מיר גייען עומד בנסיון זיין קעגן אונזערע טבעים." דעמאלט וועט דאס ברענגען ישועות שלא כדרך הטבע, ישועות ברוחניות ובגשמיות, הצלחה מיט אלעם.

די וועלט זאגט א משל אויף דעם: עס איז געווען א מלחמה, די מלחמת העולם, און עס איז געווען איינער פון די גרויסע גענעראלן וואס האבן אנגעפירט אן אפטיילונג פארן מלך אין די מלחמה. איין מאל האט ער אזוי שפאצירט אויף די גאס און עס האט זיך אפגעשטעלט א פערד און וואגן מיט א גרויסן שר וואס איז דארט געווען מיט זיינע שרים, און ער האט אים געזאגט: "קום אריין אויפן וואגן, מען וועט דיך נעמען אויף די נסיעה." ער גיט זיך א קוק ארום וואו ער זיצט, זעט ער נישט מער און נישט ווייניגער - ער זיצט צווישן די שונאים! זיי האבן אים ארייַנגעכאפט. ער האט שוין געזען אז דאס איז עס, ער איז אין זייערע הענט. ער האט מחליט געווען ער גייט גיין מיט מסירת נפש, ער גייט בשום אופן שבעולם נישט ארויסגעבן די סודות פון זייער מלוכה, עד מסירת נפש. מען האט אים אריינגענומען אונטער שלאס און ריגל אין א קעלער, און מען האט זיך גענומען אים זאגן: "הייב אן פארציילן אלע סודות פון אייער מלוכה, אז נישט וועסטו כאפן קלעפ." ניין, ער האלט זיך פעסט, ער פארציילט נישט. מען האט אים אנגעהויבן געבן מכות רצחניות, ענויים קשים, אבער ער האלט זיך פעסט.

איין טאג זענען זיי אריינגעקומען און האבן געזאגט: "דאס איז דיין לעצטער טאג. וועסטו אנפאנגען רעדן, גייסטו ארויסגיין א לעבעדיגער פון דא. אז נישט, גייסטו נישט ארויס א לעבעדיגער. קענסט גארנישט דערלייגן פון רעדן." האט ער מחליט געווען, לעבן איז פאר אלעס, חייך קודמין. ער גייט זיך איבערטראכטן. ער האט מחליט געווען

ער גייט זיך ברעכן. ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען, האבן זיי געלאזט די טיר אפן, און ער האט זיך געשטעלט אונטערהערן וואס זיי רעדן. אויפן שפראך האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט די שונאים, דאס איז זיין מלוכה. אזוי האט ער פארשטאנען, און ער האט געכאפט וואס מען טוט דא. זיי ווילן וויסן צו ער איז געטריי פארן מלוכה, וויבאלד מען וויל אים אויספרואוון דא אינעווייניג. טאמער וועט ער זיך ברעכן אויף אסאך קלעפ, וועט ער זיין אסאך ערגער. ממילא וועט ער זיך ווייטער האלטן פעסט. וכך הוה, ווען ער האט געענדיגט און ער איז געווען עומד בנסיון, האבן זיי אים געזאגט: "אונז זענען שלוחים פונעם מלך. אה, מען וועט דיר אויפהייבן אין ראנג".

א יעדער איד דארף דאס צו וויסן: אויבן אין הימל שיקט דער באשעפער אונז אראפ זיינע שרים. עס זענען נישט קיין שונאים, עס האט א צורה פון יצר הרע, פון קליפות און סטרא אחרא, אבער דאס זענען אלץ אינערליכע געגעראלן וואס קומען אריין אין יעדן מענטש. זיי פרואווען אויס דעם מענטש און זיי ווילן ברענגען דעם מענטש ער זאל ארויסגעבן און ארויסווייזן זיין געטריישאפט און זיין איבערגעגעבנקייט צום הייליגן באשעפער. דאס דארף א מענטש שטענדיג אינזינען האבן, און ביי יעדן נסיון, ווען ער וועט דאס אריינטראכטן, וועט ער זיך קענען מתגבר זיין.

דער הייליגער רבי משה לייב פון סאסוב זצ"ל, זיין אהבת ישראל איז געווען מורא'דיג. ער פלעגט דאך זיין דער וואס האט זיך מוסר נפש געווען פאר פדיון שבויים. חוץ פון דעם האט ער זיך שטענדיג אפגעגעבן מיט די עניים און יתומים. פארציילט רבי משה לייב: "איינמאל אינמיטן דעם ווינטער האב איך געהערט אז עס איז דא אן איד וואס איז פארכאפט ביים פריץ. מען דארף אים אויסלייזן. האב איך מחליט געווען אז פארטאגס וועל איך נעמען א פערד און וואגן און גיין נאך געלט ביז מען וועט אויסלייזן דעם איד. עס איז געקומען פאר פארטאגס און איך האב געדארפט אויפשטיין, און דער יצר הרע איז געקומען אקעגן און געזאגט: 'משה לייב טייערער, עס איז פרעסטיג אינדרויסן, עס איז קאלט, עס שנייט, מען גייט נישט ארויס אינמיטן דער נאכט. קודם דארפסטו זיך אביסל אנווארימען נאך א פאר שעה. צווייטנס, דארפסטו האבן כוחות צו קענען גיין נאך געלט, זאלסט זיך נישט צוזאמפאלן. און בכלל, שפעטער וועט די זון ארויסקומען, וועט זיין אביסלווארימער, וועט נישט זיין די סכנה אזוי גרויס'".

ביז ער האט געזען אז דער יצר הרע זיגט, האט ער געזאגט פארן יצר הרע: "האסט זיך טועה געווען. דו האסט געמיינט איך פאר אויף פדיון שבויים? איך גיי אין לייפציג מאכן גרויסע געשעפטן." פלוצלונג האט ער נישט געקענט אפילו שלאפן. "וואס שלאפסטו? וועסט דאך פארשפעטיגן די מארק! ארויס פון בעט! וועסטו שוין שלאפן שפעטער. יעצט מוז מען גיין." ער האט זיך געקענט אנטון, גיין אין מקוה. דער יצר הרע האט אים באגלייט. מען הייבט אן פארן, אלעס קלאפט, אלעס איז פיין, און פלוצלונג - ער דארף דאך אבער גיין נאך געלט. זאגט ער: "משה לייב, מען גייט גיין נאך געלט." אויפן פלאץ האט זיך די וואגן איבערגעדרייט. מען קען נישט גיין נאך געלט אזוי.

למעשה איז געווען נאך שווערער, אז עס איז געווען א שווערע ווינטער און מען מאכט נישט אזויפיל געלט. די עולם איז געזעסן פארשפארט אין די הייזער. די עולם האט געקרעכצט: "עס איז נישט דא קיין געלט, קוים מען האט אליינס צום לעבן." האט ער קוים געקענט צוזאמשטעלן געלט. אלעס איז אים געגאנגן 'כאדארעם', אזוי ווי עס באדארף צו זיין.

ענדליך האט ער צוזאמגעשטעלט א געוויסן סכום. ער קומט אריין צום פריץ און ער הייבט אן צו פארהאנדלען, און ער זעט אז ער האט נאר א דריטל פון דעם געלט. האט ער אנגעהויבן פארהאנדלען מיט דעם פריץ: "ביז א פאר חדשים ברענג איך דיר דאס איבריגע." דער פריץ האט זיך אויפגערעגט און אים ארויסגעטראסקעט פון שטוב. רבי משה לייב זעצט זיך ארויף אויף זיין פערד און וואגן און טראכט: "שוין א פאר וואכן שלעפ איך זיך און איך קען נישט צוזאמשטעלן דאס געלט, און איך בין נישט מצליחביים פריץ. ווייסטו וואס? דו האסט אן אפענע רמז פון הימל. דער באשעפער זאגט: זעץ זיך אין בית מדרש, לערנען, דאווענען, דינען דעם אויבערשטן. זיץ נישט אויף די שטעגן און וועגן." אזוי האט ער מחליט געווען.

ער פארט מיטן וואגן. פלוצלונג זעט ער א פערד און וואגן פארט אדורך מיט פאליציי דערויף, און ער זעט אן איד נעבעך צוגעבונדן צו דער ערד פון דעם וואגן. דער איד וויינט און מען האקט אים. ער פארט אונטער דעם פערד און וואגן, און מען איז אנגעקומען צום בית המשפט. רבי משה לייב גייט מיט אריין און ער הערט ווי מען הייבט

אן זאגן אז דער איד איז א גנב. מען האט אים געטראפן באגנב'ענען און אזוי ווייטער. ער זעט דארט אז דער איד האט זיך אפילו נישט פארענטפערט געהעריג. ער האט מודה געוועז, "יא, דאס איז מיין פרנסה, מען האט מיך געכאפט." רבי משה לייב האט זיך זייער געשעמט אז אן איד זאל אפילו מודה זיין ער איז א גנב. רבי משה לייב, מיט זיין הארץ פאר אידישע קינדער, האט געפרעגט דעם שופט צי ער קען עפעס רעדן. זאגט ער: "הער מיך אויס, פון אים נעמען אין תפיסה וועסטו אין ערגעץ נישט אנקומען. ער האט דאך נישט קיין געלט. איך צאל דיך אויס די גאנצע חוב און איך וועל אים נעמען אונטער מיין שליטה. איך וועל אים שטעלן אין פלאץ מיט מוסר זאגן. איך וועל אים מאכן פאר א נארמאלער מענטש".

דער שופט האט געזאגט מסכים, די קטיגור האט אויך מסכים געוועז, און רבי משה לייב נעמט אים ארויף אויף זיין וואגן און ער הייבט אן רעדן צו אים: "גיב א קוק, רבי איד, האסט געגנבעט, וואו ביסטו אנגעקומען? וואלסט דאך געקענט זיצן אין תפיסה ווער ווייסט ווי לאנג. דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז פונקט האב איך באמערקט. וואס פעלט דיר אויס ווייטער צו גנב'ענען? קום צו מיר אין שטאט, איך וועל דיך אויפבויען, וועסט ווערן א נארמאלער מענטש. וואס דארפסטו זיין א גנב"?

דער גנב נעמט זיך לאכן און ער זאגט: "רבי, אז עס געלונגט נישט איינמאל מיינט נישט אז עס וועט קיינמאל נישט געלונגען. א וואך ארום גייט מען נאכאמאל גנב'ענען. זעסטו, אפילו יעצט איז עס אויך געלונגען - צום סוף בין איך אויסגעלייזט געווארן. עס וועט זיין גוט, זארג זיך נישט, רבי".

האט רבי משה לייב געגעבן א טראכט: "דער בעל שם טוב הקדוש האט דאך געזאגט אז יעדע זאך וואס מען הערט איז א מודעה מן השמים פאר דעם מענטש. אוי," זאגט ער, "דער רבוש"ע זאגט מיר אז עס גייט נישט איינמאל, מיינט נישט אז מען דארף אויפגעבן. מען דארף ווייטער גיין. נסיונות איז נישט א זאך וואס דורך דעם גיט מען אויף." רבי משה לייב האט תיכף אנגעהויבן גיין נאך געלט, און דעמאלט האט ער שוין געקענט אויסלייזן דעם אנדערן אויך.

מיר האבן נסיונות, שווערינקייטן, מיר האבן טבעים, אבער דאס זענען נסיונות. מען שטארקט זיך, זה לעומת זה. דער הייליגער באשעפער קומט אונז אנטקעגן.

עס איז א דאורייתא. חז"ל זאגן אין קידושין כ"א: פארוואס האט די תורה מתיר געווען א יפת תואר בשעת מלחמה? "לא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע, מוטב שיאכל ישראל בשר תמותות שחוטות ולא יאכלו נבילות". בשעת מלחמה די צוויי נסיונות וועט מען נישט קענען בייקומען. וואס זעט מען דא אין די תורה? אבער אלע אנדערע נסיונות קען מען יא. והא ראיה, אז מיר האבן נישט נאך היתרים אויף נאך נסיונות, איז א סימן אז די תורה הקדושה ירדה לסוף דעתו - דא גייט ער נישט קענעןביישטיין, איך גיי אים מתיר זיין. מכלל לאו אתה שומע הן - אז אלע אנדערע נסיונות מדאורייתא ווייסט ער אז ער קען עס ביישטיין. דער הייליגער באשעפער פרואווט נישט מער וויפיל א מענטש קען.

דער מהריי"ץ האט אמאל פארציילט אז רבי שמואל לעוויטין האט אים געזאגט אז ביי די חתונה פון דעם בעל התניא מיט דעם בארדיטשובער, האט זיך דער בארדיטשובער אינמיטן אנגערופן: "אוי רבוש"ע, פון וואו נעמט מען עפעס א יצר הרע?" האט אים דער הייליגער בעל התניא געזאגט: "מחותן, די יצר הרע וואס דו ווילסט, וועט דיר דער באשעפער קיינמאל נישט קענען געבן".

וואס האט ער געמיינט צו זאגן? דער הייליגער בארדיטשובער האט געזוכט יצר הרע'ס און נסיונות זיך צו קענען ברעכן, האט דער בעל התניא געזאגט: "דער יצר הרע וועט דיר דער באשעפער נישט קענען געבן".

## מניעות זענען נאר דמיונות און נסיונות

עס איז דא א מורא'דיגע מאור עינים (ישמח לב יומא לה.) די גמרא זאגט דארט אז אן עני מיט אן עושר קומען צום בית דין של מעלה. מען פרעגט פונעם ארימאן: "וואס האסטו נישט געלערנט תורה?" זאגט ער: "איך בין געווען פארנומען מיט פרנסה." זאגט מען אים: "ביסטו געווען ארעמער פון הלל הזקן? יעדן טאג האט ער געמאכט פרנסה און ער האט געמאכט א טראפיק. האלב האט ער געגעבן פארן שומר הבית מדרש און

האלב האט ער געגעבן פארן שטוב. איין טאג האט ער נישט געמאכט קיין געלט, האט מען אים נישט אריינגעלאזט אין בית מדרש. ער האט זיך געזעצט אויפן פענסטער. עס איז געווען ערב שבת תקופות טבת מיט א גרויסן שניי. ווען עס איז געווארן די עלות השחר, האט שמעיה געזאגט: 'מיין ברודער אבטליון, יעדן טאג קומט דא אריין א לעכטיגקייט.' און זיי קוקן ארויף, זיי זעען א צורה פון א מענטש, און זיי האבן געטראפן דריי אמות שניי זענען געווען אויף הלל. מען האט אים אראפגענומען, אפגעוואשן, אנגעווארעמט. מען האט געזאגט: 'ראוי זה לחלל עליו השבת.' ממילא, אין הימל וועט מען טענה'ן: 'ביסט א גרעסערער ארימאן פון הלל'"?

פון אן עושר פרעגט מען פארוואס האסטו נישט געלערנט, וועט ער זאגן "איך בין געווען פארנומען מיט גרויסע געשעפטן". זאגט מען אים "ביסט געווען א גרעסערער עושר פון אלעזר בן חרסום"?

א רשע וועט מען פרעגן פארוואס האסטו נישט געלערנט תורה, וועט ער זאגן "וואס זאל איך טון? איך בין געווען פארנומען מיט מיך שיין מאכן, עוסק געווען אין יצר הרע, איך האב נישט געקענט לערנען תורה". וועט מען אים פרעגן "ביסטו געווען שענער פון יוסף וואס האט דורכגעמאכט אזעלכע שווערע נסיונות"?

נמצא הלל מחייב די ארעמעלייט, רבי אלעזר בן חרסום איז מחייב די עשירים, יוסף הצדיק איז מחייב די רשעים. פרעגט דער הייליגער מאור עינים, די ארבעט פון צדיקים איז דאך אזוי ווי רבי שמעון האט געזאגט "יכולני לפטור את העולם מן הדין", דא קומען דריי גרויסע צדיקים און זענען מחייב די וועלט, ווי שטימט דאס?

זאגט דער מאור עינים, א מענטש דארף צו וויסן אז עס איז דא מניעות - עניות, עשירות, אלע זענען מניעות, און אין יעדע מניעה איז דא קליפות וואס זיי טוען זיך פארשטעלן פאר א מענטש א דמיון פון מניעות. אבער די אמת איז, עס איז נישט דא אזא זאך ווי מניעה. אדרבה, יעדע זאך דארף א מענטש וויסן אז עס איז דא אין דעם עבודת ה', נאר די קליפה רועט אויף דעם און מאכט עס שווער אז עס זעט זיך אויס ווי א מניעה.

פאר א מענטש קומט אראפ אויף דער וועלט קען מען דינען דעם אויבערשטן גרינגערהייט, און אזוי איז געווען אנפאנג בריאת העולם. אבער ביסלעכווייז איז געווארן נתמעט הלבבות און די קליפות האבן זיך צעשפרייט מער, און מען דארף האבן צדיקים וואס זאלן צעברעכן די קליפות. די צדיקים האבן צעבראכן די קליפות און זיי האבן זיך מתגבר געווען אויף די קליפות, און דורך דעם זיך דערהויבן. האבן זיי שוין מזכה געווען כלל ישראל אז אויף די ענינים קען מען זיך שוין אליינס אן עצה געבן. ממילא הלל און רבי אלעזר בן חרסום און יוסף, וואס הייסט זיי זענען מחייב, זיי האבן געזאגט: "איך האב שוין צעבראכן די קליפות, די מניעות וואס דו האסט מחמת עניות, עשירות אדער מחמת יופי. איך האב שוין אלעס צעבראכן און מסדר געווען. דארפסט נישט אזוי שווער ארבעטן, און דעריבער שטארק זיך, וועסטו עס קענען מאכן".

באמת דארף א מענטש גלייבן אז עס איז נישט דא קיין שום מניעה וואס זאל צוריקהאלטן א מענטש פון דינען דעם אייבערשטן, ווייל עס קען דען זיין אז דער הייליגער באשעפער, וואס וויל מען זאל אים דינען, זאל שיקן א מניעה וואס זאל שטערן? אלא מאי, עס איז דמיונות. ווי עס שטייט "שמש ומגן ה' אלקים" - א מענטש קען נישט קוקן אויף די זון, ער מוז אנטון א באשיצער זון-גלעזער. על אחת כמה וכמה, אויב א מענטש וואלט געהאט אזא בהירות אין עבודת ה', וואלט ער נישט געקענט קוקן. אונז האבן זון-גלעזער - די אלע מניעות, די אלע שוועריגקייטן, דאס זענען זון-גלעזער. אז מען שטארקט זיך, קען מען קוקן אויפן זון אויך. ווער עס האט שכל, הייבט אויף יעדע שוועריקייט און ער ברענגט עס צו עבודת ה'. יעדע מחשבה, דיבור, מעשה וואס א מענטש האט און עס שפירט זיך ווי א מניעה - הייב זיך! די צדיקים האבן שוין געבראכן פאר דיר, יעצט איז עס נאר זון-גלעזער. גיי ווייטער, עס וועט אויפשיינען די זון.

חז"ל זאגן "הבא לטמא פותחין לו". טומאה איז א פתח אריינצוקומען צו בהירות. אז דו שפירסט אז עס זענען דא מניעות ווען מען וויל טון שלעכטע זאכן, זארג זיך נישט - "פותחין לו". יעצט איז די טיר. ווען דו שפירסט די שפל המצב, דארט איז דער פתח. ווען א מענטש זאל זיך שטארקן בשעת עס קומען עבירות אדער מחשבות זרות מיט די

מחשבה, דיבור און מעשה, און זיך שטארקן און נישט לאזן, קען ער צוקומען צו מדריגות רוח הקודש. אונזער פראבלעם איז מיר לאזן זיך פון די מניעות.

ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך, בשני יצריך, ביצר טוב וביצר הרע - וויאזוי קען מען ליב האבן דעם אויבערשטן מיט יצר הרע? ווייל איך ווייס אז דאס איז נאר זון-גלעזער צו פארדעקן די שיין. איך דארף אויפעפענען די גלעזער. (עד כן דברי המאור עינים)

מענין לענין, דער רוקח אין פירוש התפלה, מען דאווענט יעדן טאג "ומשטן המשחית". שרייבט דער רוקח: ווען דער הייליגער באשעפער וויל גוטס טון פאר א מענטש, זאגט ער פארן שטן, "גיי פרואוו אים אויס, לאמיר זען. איך וויל דאך אים געבן א מתנת חינם". דער שטן גייט, און ער נעמט די שליסלעך פון תאוות, און ער גיט זיי איבער פאר דעם מענטש, און ער רעדט אים איין. אבער ווען דער שטן זעט אז עס גייט נישט, גיט אים דער אייבערשטער די טובה וואס ער דארף. "ומשטן המשחית" מיינט מיר זאלן זיך קענען שטארקן אויף דעם שטן המשחית, דער וואס ברענגט אונז מתנות טובות דורך נסיונות. אזוי שרייבט דער רוקח.

עס איז באקאנט אז דער רבי ר' הירש פון רימנוב זי"ע האט פארלוירן אכצן קינדער בחייו. ביי די זיבעצנטע קינד האט אים געפרעגט רבי ארי' לייביש, זיין איידעם, "פארוואס פאר גאנץ כלל ישראל קען מען בעטן רחמים אבער מען קען נישט בעטן אויף זיך אליין?" עס איז געווען שבת און ער האט נישט געוויזן קיין עצבות. האט ער אים געענטפערט אז דאס איז אויך עבודת ה'. "פארוואס האט אברהם אבינו נישט געבעטן פונעם באשעפער אז ער זאל נישט דארפן שעכטן יצחק?"

הרה"ק רבי אלעזר פון ריישא זי"ע דערציילט עס אביסל אנדערש. ער האט עס געהערט פון א צדיק וואס האט עס געהערט פון רבי ר' הירש אליינס. איינמאל איז זיין טאכטער נישט געזונט געווארן און די רביצין האט געשריגן, "ביסט דאך מעורר רחמים פאר אידישע קינדער, וואס שלאפסטו? זי איז דאך אויך א איד!" האט ער געענטפערט, "וואסערע פנים וואלט כלל ישראל געהאט אז ווען דער אויבערשטער רעדט צו אברהם

אבינו און ער הייבט אן בעטן, 'בעט מיר נישט דאס, איך האלט נישט דערביי, רבוש"ע, איך דארף מעורר זיין רחמים, יצחק איז דאך א איד'?" דאס טייטש אז רבי הירש האט געשפירט אז דער רבוש"ע בעט אים אן עקידה און ער קען נישט אפזאגן.

אוודאי, מיר זענען נישט אין די מדריגה. קיינער קען זיך נישט אונטערנעמען די מדריגה. מיר דארפן דאווענען און בעטן ביים אייבערשטן, אבער די מחשבה וואס א מענטש דארף זיך אריינטראכטן, די חיזוק און די מחשבה וואס מען דארף זיך טראכטן, דאס איז ברור כשמש. יעדער מענטש זאל זיך איבערטראכטן מיט אלע נסיונות, יעדע זאך וואס מען טוט, מניעות איז דא איבעראל. און עס זענען דא מענטשן וואס פאלן אריין אין א געוואלדיגן יאוש פון די מניעות. זיי האבן נישט קיין כח זיך צו קריגן. עס איז אזא טעות, עס איז בכלל נישט אמת. פארוואס גייט אים אזוי שווער די מניעות? עס גייט נישט שווער, נאר מען לאזט זיך פון די מניעות, דעמאלט קומט נאך און נאך מניעות. מען דארף פון צוואנציג מניעות נאר איינס מתגבר זיין, אזויווי די צדיקים האבן שוין דורכגעבראכן די מניעות עד סוף כל הדורות. יעדער מענטש פאר זיך זאל וויסן, דער יצר הרע מאכט א צורה פון אסאך מניעות. עס זעט אויס דרייסיג מניעות, עס איז נישט אמת, עס איז איינס. א איד דארף נעמען איין זאך יענעם טאג: "שטארק זיך, לאז זיך נישט, זיי שטארק ביי דיר און טראכט דאס זענען מניעות און איך האב די כוחות." און דאס איז א פתח צו שער הצדיקים. ברעכט זיך אדורך אלע מניעות וואס ער מיינט עס איז מניעות. עס איז א זאך וואס א מענטש ווייסט אפילו נישט.

אסאך מאל שפירט מען אז עס טוט מיר באמת וויי די קאפ. איך פארשטיי באמת נישט דאס לערנען. עס איז נישט פאר מיר, עס ציט מיר נישט די לערנען. איך הייב נישט אן צו פארשטיין. דאס איז אלץ מניעות. יעדע זאך וואס נעמט א מענטש אוועק פון דאווענען, לערנען, היטן די אויגן, אלע נסיונות, דארף ער רעכענען אויב עס ציט אים אוועק פון מקיים זיין די תורה, איז א סימן אז דאס איז מניעות. נישט מיין טבע, נישט דא קיין טבע. דער הייליגער באשעפער גיבט נישט קיין טבע עובר צו זיין אויף די תורה. עס איז נאר כדי מען זאל זיך קענען שטארקן, און אז מען שטארקט זיך שפירט מען געשמאק.

אויך אין בין אדם לחבירו האט מען אזויפיל מניעות. וויבאלד די בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב שנאת חנם, דעריבער האבן מיר נסיונות אויף שנאת חנם. עס איז דא חסד ארגעניזאציעס, עמך ישראל קדושים הם, מי כעמך ישראל, אבער די ווייטאגן וואס מענטשן האבן איינער אויפן צווייטן, די מחלוקת, די אומפארגינערישקייט. אויפהייבן איינער דעם צווייטן, סובל זיין יעדן אידישן קינד, די אייגענע קינדער, תלמידים, חברים, פשוט סובל זיין כלל ישראל - דאס איז מניעות וואס מען זעט אויף דעם.

אויך זענען מענטשן נישט סובל זיך אליין. זיי לעבן זייער אסאך אין א יאוש. מען לאזט נאך, מען גייט נישט שלאפן, "איך קען נישט, עס גייט נישט, איך האב פראבירט." דאס איז אלץ מניעות'דיגע מחשבות. אין די רגע וואס דאס קומט אריין, דארף א מענטש וויסן אז דער באשעפער זאגט: "מיין קינד, איך גיב דיר די מחשבות, שטארק זיך קעגן דעם, בעט א תפלה - רבוש"ע, גיב מיר כוחות איך זאל קענען בייקומען די נסיונות און מניעות," און דער באשעפער העלפט.

דער באשעפער זאל העלפן. מען שטייט היינט אין א צייט וואס די "כוחי ועוצם ידי" פון די כופרים, די מינים ואפיקורסים, איז אזא נסיון יעצט דא. מען זעט ממש בעין גלוי וויאזוי דער יצר הרע זעט אויס. מען זעט ווי היימישע אידן פרייען זיך מיט זייער "כוחי ועוצם ידי" אז זיי זענען מצליח, און עס דאכט זיך אז עס איז דא דארט סייעתא דשמיא. זיי טענה'ן נאך 'עס איז א סימן מן השמים'... רבי משה לייב האט אויך געזען א סימן מן השמים - די מניעות פון א מענטש צוצוקומען צו די ריכטיגע אמונה פשוטה, צו די ריכטיגע תורה, עבודה ויראת שמים. זעט מען פארקערט, מען זעט ממש פארקערט. א איד דארף זען ווי מינים ואפיקורסים זענען מצליח און מנצח, און גלייבן אז עס איז שקר וכזב, עס איז פאלשע זאכן, אן פרעגן קשיות.

ווען א איד גנב'עט מיליאנען און ער האט מצליח געווען און מען האט אים נישט געכאפט, איז עס אויס גניבה? פון היינט און ווייטער גייט מען גנב'ענען? איז עס א סימן אז דער רבוש"ע העלפט אידן ווען זיי גנב'ענען? ניין, דאס וועט קיינעם נישט איינפאלן. ער איז א גנב און ער האט זכותים אדער פארקערט ח"ו. דער באר מים חיים זאגט עס

איז נישט אזא פשוט'ע זאך. מען ווערט באשטראפט אויף די סייעתא דשמיא. עס איז גארנישט אנדערש. דער באשעפער שטראפט נישט א מענטש אויפן פלאץ. ווען א מענטש עסט יום כיפור ווערט ער נישט דערשטיקט, און ווען א מענטש צינדט אן א לעקטער שבת פאלט נישט אראפ זיין האנט. עונשים קומען נישט אויפן פלאץ. עס איז דא אזא זאך. ממילא, די אלע זאכן זענען נישט קיין סימנים אויף גארנישט.

ווען דער בעל שם טוב האט געזאגט אז עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט זיך דארפן דראפענען אויף די גראדע ווענט צו האבן אמונה, דאס איז יעצט תשפ"ד. עס האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם. מיר דארפן נישט רעדן פון נצחונות, נישט זיך פרייען דערמיט. תוך תוכו, מען טאר נישט האבן קיין שום שמחה. מען מעג האבן א שמחה אז אידישע קינדער האבן מנוחה, אז עס איז אומשעדליך פאר אידן. מען דארף האבן תפילה און שמחה אויף דעם, אבער נישט אין די "כוחי ועוצם ידי". וויאזוי קענען אידן זיך אנהאלטן דארט אין ארץ ישראל? ווייל דער רבוש"ע האלט זיין רעכטע האנט. קיין שייכות מיט די כופרים. די שפיל פון דרויסן זעט אזוי אויס, און דאס איז די נסיון.

אמאל ביי איינע פון די מלחמות איז מען געקומען זאגן פארן חזון איש, "זעט, זיי האבן מצליח געווען! קיין איין באמבע איז נישט געפאלן אויף די מירער ישיבה!" האט דער חזון איש געזאגט: "אזא נארישקייט צו רעדן! איר זעט נישט אז די תורה איז געווען מגינא ומצלא?" זאגט איר אז זיי האבן געטון. ווען מען לעבט נישט אין אמונה, זעט מען אין די תורה כפירה. מען דארף לעבן מיט די אמונה פשוטה. עס איז נישט קיין כוחי ועוצם ידי. עס איז מניעות אין אמונה, און מיר גייען זיך שטארקן מיט אמונה. נאר דער רבוש"ע, אפילו עס האט א צורה. מיר שרעקן זיך נישט פון בילדער, און די זעלבע זאך איז מיט אלע נסיונות.

דער באשעפער זאל העלפן, בזכות וואס אידישע קינדער שטארקן זיך מיט אמונה פשוטה צו דינען דעם אויבערשטן מיט אהבה ומתוך שמחה, זאל דער הייליגער באשעפער העלפן עס זאל זיין כל מיני ישועות פאר אידן. אלע גזירות רעות זאלן בטל ומבוטל ווערן כעפרא דארעא, ותטה לב המלכות עלינו לטובה ולברכה. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל נישט זיין קיין אנטיסעמיטיזם, עס זאל נישט זיין

שלעכטס פאר אידן, אידן זאלן נישט לעבן אין פחדים. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין פרנסה בהרחבה גדולה פאר אידישע קינדער, בני חיי ומזוני רוויחי, געזונט, פרנסה, נחת, זרע של קיימא, זיווגים הגונים, אך טוב וחסד. אידישע קינדער זאלן לעבן מיט הרחבה, מיט הרוחה, קענען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה, מיט דביקות הבורא, מיט אן אפענעם קאפ, מיט אן אפענעם הארץ, מיט קדושה, מיט טהרה, מיט אהבת הקב"ה, אהבת התורה און אהבת חברים און דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין לביאת גואל צדק במהרה דידן אמן.